ב"ה

# צעירי השלוחים

"פאראײניגטע צעירי השלוחים ארום דער וועלט"

A project of the Shluchim Office



ה' טבת תשס"ה

פרשת ויגש

ב"ה

ערב שבת קדש פרשת ויגש — עורכת אײדלה וועכטער

טײערע קינדער שלוחים,

דעם הײליגן יום טוב פון חנוכה איז אריבער און עס איז בײ אונז צוגעקומען אסאך ליכטיקײט. און הײנט פײערן מיר דעם גרויסן יום טוב פון ה' טבת!! אזוי װי איר װעט לײנען, דעם יום טוב פון ה' טבת איז ניט נאר געװען א געולה פון ספרים, נאר אויך א קלארע באװײז אין װעלט אז אונזער רבי איז א המשך פון דער פריערדיקע רבי' און די פעולות װאס דער פריערדיקע רבי האט אנגעהויבן זײנען נמשך אויף װײטער און נאך שטארקער!!

איר, די באליבטע שלוחים פון דעם רבי'ן, באװײזן אין דעם גאנצן װעלט אז דער רבי'ס פעולות גײן װײטער און נאך שטארקער פון טאג צו טאג!! דורך אײערע פעולות זײנען מיר זוכה צו די געולה פון אלע ספרים, ביז די געולה פון אלע אידן, נאו ממש!!

## דעם חסידיש'ן לוח

## ה' טבת

דידן נצח!! דידן נצח!!<br>
חסידות האט געװאונען!!<br>
עס איז קלאר צו אלעמען<br>
אז דער אמת האט מען געפונען.<br>
פון דעם טאג דארף מען נעמען<br>
א ספעציעלע הוראה, מײן פרײנט.<br>
צו פרעגן זיך יעדן טאג<br>
װאס האב איך געלערנט הײנט?!<br>
װײל נאר דורך דעם לערנען פון חסידות פון תורה<br>
ברענגען מיר דער עיקר נצחון- גאולה!!




## לעבען מיט דער צײט

### פרשת ויגש

"וירא את העגלות אשר שלח יוסף"

אין הײנטיקער פרשה װערט דערצײלט, אז װען די ברידער זײנען צוריקגעקומען צו יעקב'ן פון מצרים האבן זײ אים איבערדערצײלט די רײד פון יוסף, און דערנאך שטײט: "וירא את העגלות גו' ותחי רוח יעקב אביהם" (יעקב האט געזען די װאגנס און דער גײסט פון יעקב האט אויפגעלעבט).

טײטשט רש"י: " סימן נתן להם במה הי' עוסק כשפירש ממנו - בפרשת עגלה ערופה, וזהו שנאמר וירא את העגלות אשר שלח יוסף": יוסף האט איבערגעגעבן די ברידער א סימן (צו אויפװײזן יעקב'ן אז ער איז יוסף) – מיט װאס זײ, יעקב און יוסף, האבן זיך באשעפטיקט װען יוסף האט זיך אפגעשײדט פון יעקב'ן - די פרשה פון עגלה ערופה. און דאס מײנט דער פסוק "וירא את העגלות (דער װארט "עגלות" איז א רמז אויף "עגלה ערופה") אשר שלח יוסף".

זעט מען דא א װאונדערלעכן ענין:

יוסף איז שוין געװען אפגעשײדט פון יעקב אבינו צװײ און צװאנציק יאר. פונדעסטװעגן האט יוסף געדענקט גענוי װאס ער האט געלערנט מיט יעקב װען ער האט זיך פון אים אפגעשײדט. ניט געקוקט אויף דעם װאס במשך די צװײ און צװאנציק יאר איז יוסף געװען אין מצרים, און איז געװען פארנומען מיט פארשידענע זאכן, ביז צו זײן דער "מושל" אין גאנץ ארץ מצרים - זײנען די װערטער װאס ער האט געלערנט מיט יעקב, מיט צװײ און צװאנציק יאר פריער געבליבן אײנגעקריצט בײ אים אין זכרון!

דערמיט איז פארשטאנדיק װאס עס שטײט גלײך נאך דעם "ותחי רוח יעקב אביהם", װײל װען יעקב האט געהערט אז יוסף, נאכן זײן אין מצרים צװײ און צװאנציק יאר, געדענקט ער װאס ער האט מיט אים געלערנט, פארשטײט זיך װי יעקב האט זיך דערמיט אפגעלעבט.

דערפון איז אויך א קלארע אנװײזונג פאר אידישע קינדער: מען דארף לערנען תורה מיט אזויפיל חיות און מיט אזא

(המשך אין עמוד 2)

ב"ה



# דערציילט מיר א מעשה

## די מעשה פון ה' טבת

ביסטו אמאל געווען אין דער רבי'ס ביבליאטעק (לייברערי)? האסטו געזען ווי גרויס דער ביבליאטעק איז, און וויפל אלטע, הייליקע ספרים זיינען פאראן? קינדער, יארן צוריק, האט נאך איימיצער געזען די ספרים און האט זיך זייער געגלוסט צו זיי.

הערט אייך גוט צו צו די פרטים פון די "מאסר וגאולת" הספרים פון ה' טבת. דער פריערדיקע רבי האט געהאט א גרויסע ביבליאטעק פון ספרים וואס ער האט געקליבן פון איבעראל. דעם ביבליאטעק איז געווען איינער פון די פעולות פון אגו"ח- אגודת חסידי חב"ד, איינער פון די מוסדות פון דער פריערדיקע רבי. יארן נאך י' שבט, האט איינער פון דעם פריערדיקן רבי'ס משפחה אנגעהויבן טראכטן וועגן דעם ביבליאטעק. "דעם ביבליאטעק האט אין זיך אסאך ספרים. די ספרים זיינען ווערט אסאך געלט. איך וויל האבן הנאה פון די ספרים. און באמת טאקע האב איך א רעכט צו דעם. ווייל דער פריערדיקן רבי איז געווען מיין זיידע, און קינדער און אייניקלאך באקומען א ירושה פון א מענטש נאכדעם וואס ער איז נפטר געווארן!!"

נאך דעם ווי דער קרוב האט אנגעהויבן גנב'נען די ספרים פון דעם ביבליאטעק בייננאכט, האט מען געהערט דעם רבין'ס ענטפער זייער קלאר. די ביבליאטעק איז ניט געווען א פריוואטע זאך פון דער פריערדיקע רבי, נאר דאס איז איינע פון די מוסדות וואס זיינען פארבונדן מיט חסידים און חסידות. און חסידים און חסידות זיינען ניט געשטארבן!!!!(ר"ל) און וויבאלד די חסידות פון דעם פריערדיקן רבין גייט אן ווייטער, קען מען ניט רעדן וועגן ירושות. די אורטייל איז ניט נאר געווען אויף די ספרים, האט אונז דער רבי געזאגט, נאר אויף דעם "בענקל". א שאלה אויב דער נשיאות - דעם בענקל וואס דער רבי זיצט - איז א המשך פון דער פריערדיקן רבי'ן, און איז א באווייז אז חסידות גייט אן ווייטער!! קען מען פארשטיין ווי ערנסט די מצב איז געווען!!

האט מען געזען אז מען האט ניט קיין ברירא און מען מוז נעמן דער קרוב צו א בית דין. און אויב ער וועט ניט קומען צו א אידישן בית דין, וועט מען אים נעמען צו א גוי'שן געריכט. איינע פון די שטארקסטע זאכן וואס האט געהאלפן צו דעם נצחון פון דעם אורטייל איז געווען די הייליקע רייד פון דעם רביצין חי' מושקא. "דער רבי און די ספרים באלאנגען צו חסידים!!" האט זי געזאגט. אויף ה' טבת תשמ"ז האט מען גע'פסק'נט אז עס איז קלאר אז דעם ביבליאטעק באלאנגט צו די חסידים אונטער דעם נשיאות פון דער רבי!!

די שמחה איז געווען אזוי גרויס ווען מען האט געהערט די פסק דין, אז מען האט געטאנצט אין גאסן מיט אן אויסערגעוויינליכער שמחה. דער רבי האט זיבן טעג געזאגט שיחות, און מען האט פארברענגט מיט שמחה א גאנצע וואך. אבער דער רבי האט געזאגט קלאר צו די אלע וואס האבן געוואלט ממשיך זיין דער פארברענגען נאך ווייטער, אז דעם נצחון פון די ספרים איז ווען מען לערנט אין זיי!! יעדן יאר פייערן מיר ה' טבת אלץ א ספעציעלן יום טוב. מיר קויפן נייע ספרים, און בעיקר לערנען מיר פון די הייליקע ספרים!! לאמיר בעטן אויף דעם הייליקן טאג אויף די גאולה פון אלע ספרים, און בעיקר אונזער גאולה - תיכף ומיד ממש!!




*(המשך לעבען מיט דער צייט)*

גרויסער שטארקייט ביז אז די ווערטער ווערן ביי אים איינגעקריצט אין זכרון, און אז ער טרעפט א אידן אין גאס קען ער אים דערמאנען וואס זיי האבן געלערנט צוזאמען מיט צענדליקער יארן פריער!

און דורך דעם איז - "ותחי רוח יעקב אביהם": ווען יעקב אבינו, זיצנדיק אין גן-עדן, זעט א אידן וואס געפינט זיך אין גלות און דאך געדענקט ער די תורה וואס ער האט געלערנט צענדליקער יארן פריער, גיט דאס צו א נייעם חיות אין דעם גייסט פון יעקב אבינו ווי ער געפינט זיך אין גן-עדן!

און זיכער איז יעקב אבינו מעורר רחמים רבים ביים אויבערשטן, צו אראפברענגען אלערליי ברכות און הצלחות אין אלץ וואס מען נויטיגט זיך.

און דער עיקר, אז די אלע וואס לערנען תורה אין דעם אופן, וועלן איבערלעבן דעם צושטאנד פון "הונגער" פאר אידישקייט, און "הונגער" פאר ברכות פון דעם אויבערשטן (וויבאלד די גאולה איז נאך ניט געקומען) - און זיינען זוכה גאר אינגיכן צו דער גאולה שלימה דורך משיח צדקנו.

(פון דער רבי רעדט צו קינדער *שיחת אור לח' דחנוכה תשמ"ה* )

*טייערע קינדער, זעט ווי וויכטיג און טייער איז אייערע לערנען!! דער רבי האט פיל מאל געזאגט אז דער אמת'ע גאולה פון די ספרים איז ווען מען באנוצט זיך מיט זיי אין אונזערע לערנען. לערנט גוט און ברענגט נחת צו אייערע עלטערן, צום רבי'ן, און צום אויבערשטן!*

דער רבי'ס ביבליאטעק



בס"ד

# ה' טבת

**פאקס צו די שלוחים אופיס פאר מיטוואך, עשרה בטבת, און דו קענסט געווינען א פרייז!**
**(718) 221-0985**

## <u>שאלות לכבוד ה' טבת</u>

1. שרייב דריי ספרים פון דער אלטער רבי. ______________________________
2. וועלכע ספרים פון דער מיטעלער רבי האבן צו טאן מיט תפילה? ____________________
______________________________________________________________
3. וועלכע ספר האט דער צמח צדק געשריבן אויף מצוות? ______________
4. וואס איז דעם נאמען פון 13 פון די ספרים פון דער רבי מהר"ש? ____________________
5. וועלכע 2 ספרים פון דער רבי רש"ב האבן צו טוהן מיט תפילה? א. __________________
ב. ____________
6. וועלכע ספרים פון דער פריערדיקן רבי דערציילן מעשה'ס? _______________________
7. וועלכע ספר איז געווען דעם ערשטע פון דער רבי- נשיא דורנו? ____________________
8. וועלכע רבי האט געשריבן דעם ספר חנוך לנער? ____________________
9. וועלכע רבי האט געשריבן דעם ספר לקוטי דיבורים? ________________
10. וועלכע רבי האט געשריבן די ספרים לקוטי תורה און תורה אור? ______________

*ביטע קוקט איין אין דער הקדמה פון דעם ספר "היום יום" צו געפינען די ענטפערס.*

## די קינד וואס האט געוואונען—פרשת מקץ: מנחם דערען, 7

שם: ________________________ ווי אלט: ____

אדרעס: ____________________________________

אי-מייעל: __________________________________

**הצלחה רבה!**